**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/11/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט גרענד אָופענינג פון קינדער מוזעאום ביי סאראטאגע ספאַ סטעיט פארק**

***16,000-סקווער פיסיגע מוזעאום באט אן צוציענדע פארשטעלונגען און אינטעראקטיווע פראגראמען פאר קינדער אין יעדן עלטער***

***מוזעאום בלאזט אריין א נייע חיות אין היסטארישע מערקפונקט מיט מאדערנע איינריכטונג וועלכע פארברייטערט אפציעס פאר יונגע פאמיליעס אין ׳פאַרק אָוו דע אַרטס׳***

גאווערנאר קעטי האוקול האט היינט אנאנסירט די גרענד אָופענינג פון דעם קינדער מוזעאום ביי סאראטאגע קומט נאך א 3.1 מיליאן דאלערדיגע רענאוואציע פראיעקט אריבערצוציען דעם מוזעאום צו דעם היסטארישן ׳לינקאלן באד-הויז׳ אין סאראטאָגע ספאַ סטעיט פארק. די פולשטענדיג צוטריטליכע 16,000-סקווער-פיסיגע איינריכטונג איז דעם ערשטן גרויסן פובליק-אויסגעשטעלטע אפעראציע אין דעם ׳לינקאלן באד-הויז׳ זינט די 1990׳ער יארן. דער פראיעקט, וואס איז געשטיצט דורך א 600,000 דאלערדיגע ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ גרענט, ווי אויך אנדערע פובליק גרענטס און פריוואטע ביישטייערונגען, שליסט זיך אן אין א פארגרעסערנדע ליסטע פון פובליק-פריוואטע צוזאמארבעט אין דעם פארק פון וועלכע עס באשטייט דער ׳פאַרק אָוו דע אַרטס׳ אונטערנעמונג.

״דאס עפענען דעם קינדער מוזעאום לייגט צו נאך א גרויסע אטראקציע צו אונזער אויפשטייגנדע ליסטע פון צוזאמארבעטער אין דעם הערליכן נאטורליכן איינריכטונג פון סאראטאָגע ספאַ סטעיט פארק,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דער ׳פאַרק אָוו דע אַרטס׳ איניציאטיוו וועט ווייטער זיין דער באדייט פון סאראטאגע ספרינגס אלס א גאנץ-יעריגע דעסטינאציע פאר ערשטראנקיגע קונסט פראגראמען, און דער פראיעקט צייכנט אפ א גרויסע מערקפונקט אין אונזערע באמיאונגען צו אויפריכטן און ווידער אקטיווירן די נאציאנאלע היסטארישע מערקפונקטן לענגאויס דעם פארק.״

דער מוזעאום, וועלכס אקופירט דריי פון די ארגינעלע באד-הויז אפטיילונגען, פיגורירט איבערגעבויטע און איבערגעמאכטע פארשטעלונגען, אינאיינעם מיט א נייע טאוועל פון STEM פארשטעלונגען וואו באזוכער קענען אליין אויספרובירן און זיך לערנען מיט ממשות׳דיגע אקטיוויטעטן. א נאכגעמאכטע גראָסערי סטאָר פארמאגט א רעדזשיסטער מיט א פולשטענדיג פונקציאנירנדע סקענער, און ווידער די פייער סטאנציע׳ס אינטעראקטיווע סקרין לאזט געסט אויסלעשן א ווירטועלע פייער. קינדער קענען קלויבן גרינצייג ביי דעם פאַרם פארשטעלונג, רעקארדירן א נייעס סעגמענט ביי דעם מוזעאום׳ס נייעס ראדיא סטאנציע, אדער ארויס-סקופ׳ען אייז קרעם און זיך לערנען וויאזוי עס ווערט געמאכט ביי דעם אייז קרעם פאַרלאָר. דער מוזעאום, וועלכס איז געבויט געווארן מיט אוניווערסאלע צוטריטליכקייט אין זינען, פארמאגט אויך א בארואיגונגס צימער וועלכס באזארגט א שטילן ארט זיך צו פארקלערן מיט בארואיגנדע ממשות׳דיגע אנטאפנדע עלעמענטן.

**קינדער׳ס מוזעאום עקזעקיוטיוו דירעקטאר סערע סמיט האט געזאגט,** ״מיר זענען גאר דאנקבאר צו דעם גאווערנער, ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳, ווי אויך אונזערע אנדערע פריוואטע און פובליק שטיצער פאר אלע שווערע ארבעט וואס איז אריין אין דעם פראיעקט. ביים הארץ פון דער מיסיע איז דאס שאפן אן ארט וואס אינספירירט נייגעריגקייט, צינדט אונטער די כוח הדמיון און ערנערט אויפדעקונגען. און מיר קלערן אז דער נייער ארט מיט איר פעאיגקייט צו גרייכן מער קינדער פון אלע אנטוויקלונג שטאפלען, און זייערע פאמיליעס, העלפט שטיצן יענע ציל. מיר קענען קויםווארטן אויפצונעמען יעדן איינעם צו דעם מוזעאום בשעת זיי באזוכן סאראטאגע דעם זומער.״

**סטעיט פארקס קאמיסיאנער עריק קולעסייד האט געזאגט,** ״איך בין באגייסטערט אויפצונעמען די קינדער׳ס מוזעאום צו דעם היסטארישן ׳לינקאלן באד-הויז׳ אין סאראטאָגע ספּאַ סטעיט פארק. דער קינדער מוזעאום וועט ברענגען נייע אקטיוויטעט צו דעם פארק און בויען אויף די ריי צוזאמארבעטער ביי אונזער ׳פּאַרק אָוו דע אַרטס׳ וועלכס טוט אנבאטן אזויפיל וועגן זיך צו בארואיגן, געניסן פון די אפנלופטיגקייט, אדער זיך פארטיפן אין אייגנארטיגע קונסט און קולטורעלע אנבאטונגען.״

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענט, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט, האט געזאגט,** ״דער קינדער׳ס מוזעאום ביי סאראטאָגע׳ס נייע לאקאציע לייגט צו נאך אן אייגנארטיגער אטראקציע צו דעם סאראטאָגע ספּאַ סטעיט פארק וועלכס וועט אויפנעמען איינוואוינער און באזוכער צוגלייך. דורך דאס צוגעפאסטער ווידער-באניץ פון ארט אינערהאלב דעם ׳לינקאלן באד-הויז׳, קען דער מוזעאום זיך לאזן אין וועג אויף א נייע תקופה פון פארכאפנדע וואונדער און ענטוזיאסטישקייט פאר לערנען, און מיר שטאלצירן זיך צו שטיצן דעם פראיעקט.״

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריזם ראס די. לעווי האט געזאגט,** ״דער נייער קינדער מוזעאום אין דעם היסטארישן ׳לינקאלן באד-הויז׳ ביי סאראטאָגע ספּאַ סטעיט פארק טוט אנבאטן פאר פאמיליעס נאך גאר א גוטע סיבה צו עקספלארירן דעם קאפיטאל ראיאן דורכאויס זייער קומענדע ניו יארק סטעיט וואקאציע. דורך צוציענדע מוזעאומס און אינטערעסאנטע היסטארישע ערטער צו אפנלופטיגע אוואנטורעס, קענען איינוואוינער און באזוכער צוגלייך קומען צו זיין א טייל דערפון און געפונען וואס זיי ליבן א גאנץ יאר.״

דער קינדער מוזעאום ביי סאראטאגע, געגרונדעט אין 1990 דורך קאמיוניטי עלטערן און מחנכים, איז געווידמעט צו שאפן אן אינטעראקטיווע קאמיוניטי וועלכע אינספירירט נייגעריגקייט, צינדט אונטער דעם כוח הדמיון און ערנערט ערפונדונג. דער מוזעאום איז אנטשלאסן צו שטיצן אקטיווע עלטערן באשעפטיגט אין קינדער לערנונג, צו סערווירן אלס א הילפס-מיטל פאר קינדער דיסטריקטן אין דעם געגנט, און צו פארזיכערן אז אירע פראגראמען און סערוויסעס זענען צוטריטליך צו אלע קינדער. דער קינדער מוזעאום פון וויסנשאפט און טעכנאלאגיע, האט זיך עמטליך זיך אנגעשלאסן מיט דער קינדער מוזעאום פון וויסנשאפט און טעכנאלאגיע (אין ׳רענעסעלער טעק פארק׳) צו העלפן פארזיכערן דעם צוקונפט פון זייער אויפגאבע און פראגראמען, און פארטרעטן געמיינזאם 100 יארן ערפארונג אין פארזארגן אינאווירנדע, ממשות׳דיגע לערנען צו קינדער לענגאויס דעם קאפיטאל ראיאן. זיך צו לערנען מער איבער דעם קינדער מוזעאום, באזוכט [www.cmssny.org](http://www.cmssny.org).

**סטעיט סענאטארקע דאפנע דזשארדען האט געזאגט,** ״דאס ווידער-צוועקן דעם ׳לינקאלן באד-הויז׳ אין סאראטאָגע ספּאַ סטעיט פארק אויף צו פלאצירן דעם נייעם קינדער מוזעאום וועט נישט בלויז אריינגעבן חיות אין א היסטארישע געביידע נאר עס וועט אויך פארזארגן א גאר שטארק פארברייטערטע ארט אין דעם מוזעאום פאר נייע אינטעראקטיווע פארשטעלונגען און מער ממשות׳דיגע אקטיוויטעטן וועלכע וועלן אויף זיכער דערפרייען קינדער און זייערע עלטערן. דער פראיעקט פארזארגט באזוכער און קאפיטאל ראיאן איינוואוינער מיט נאך איין צוציענדע סיבה צו קומען צו דעם ׳פּאַרק אָוו דע אַרטס׳ און סאראטאגע ספרינגס.״

**אסעמבלי-מיטגליד קערי וואַרנער האט געזאגט,** ״דער קינדער מוזעאום ביי סאראטאגע און דער קינדער מוזעאום פון וויסנשאפט און טעכנאלאגיע האבן אינאיינעם פארזארגט אן ארט פאר קינדער צו עקספלארירן, זיך לערנען, שפילן און שפירן דורכלעבענישן אויף איבער 100 יאר. ביידע מוזעאומס זענען ארויסגעוואקסן ארגאניש פון באשיידענע התחלות און געבליעט צוליב דעם וואס זיי האבן זיך אפגערופן צו דעם ענטוזיאסטישן אנטיילנעמונג פון דורות פון קינדער. קאנגראטולאציעס צו דעם מוזעאום און צו די קינדער, עלטערן, און באזוכער פון יעדן עלטער וועלכע וועלן געניסן פון די פאראויס-זען און שווערע ארבעט פון דעם באָורד אָוו דירעקטאָרס, מוזעאום שטאב, קאמיוניטי ביישטייערער און וואלונטירער, און סטעיט קערפערשאפטן וועלכס האט געברענגט דעם וואונדערבארן בליק פון א מוזעאום אין דעם פארק צום לעבן.״

**סאראטאגע ספרינגס מעיאר ראן קים האט געזאגט,** ״דער קינדער מוזעאום איז פילע יארן געווען איינע פון אונזער שטאט׳ס הויפט דאונטאון אטראקציעס, גענאסן דורך איינוואוינער און באזוכער צוגלייך. איצט מיט דער פארברייטערונג אין דעם הערליכן סטעיט פארק, דער קינדער מוזעאום קען אויפנעמען נאך מער באזוכער, אויסלערנען א נייעם דור אויף א געשמאקער און לוסטיגער אטמאספערע.״

די 'באָוז-אַר'/נעא-קלאסישע סטיל ׳לינקאלן באד-הויז׳, וועלכע איז פארענדיגט געווארן אין 1930, איז א הויפט באשטאנדטייל פון דעם אייגנארטיגן ארכיטעקטור אין דעם פארק, און עס איז אויסגערעכנט אלס א נאציאנאלע היסטארישע פלאץ. פובליק באדן האט אויפגעהערט צו ווערן אנגעבאטן ביי דעם סטעיט-געפירטן איינריכטונג אין די 1990׳ער יארן. כאטש עטליכע פון דער סטרוקטור׳ס 60,000 סק. פיס זענען איבערגעביטן געווארן אויף סטעיט געריכטן און א הויפטקווארטיר פאר׳ן ראיאנישן פארק פאליציי, האט אבער א גרויסער טייל פון דער געביידע געווארט אויף א נייע באניץ. דאס עפענען דעם קינדער מוזעאום צייכנט אפ דאס אויפריכטן גאנץ-יעריגע פובליק פראגראמען. דער ׳לינקאלן באד-הויז׳ אנטהאלט אויך דעם ׳ספּאַ סיטי פאַרמערס מארקעט׳ אין זונטאגס. די קומענדע פאזעס פון אנטוויקלונג וועלן אריינגעמען פולשטענדיגע אויפריכטונג פון דער געביידע׳ס פאדערזייט און דאס אנטוויקלען נייע אפיס פלאץ פאר פארק אדמיניסטראציע און באזוכער סערוויסעס.

דער פובליק-פריוואטער ׳פּאַרק אָוו דע אַרטס׳ קאמפיין זעט פאר זיך סאראטאָגע ספּאַ סטעיט פארק אלס אן איינציג-סארטיגע אלוועלטליכע דעסטינאציע פאר מולטי-געביטליכע קונסט פארשטעלונג, פראגראמען און לערנען דורך די צוגעפאסטער ווידער-באניץ פון נאציאנאלע היסטארישע מערקפונקט סטרוקטורן, פלאצירט אין אן אויג-פארכאפנדן 2400-עיקער׳דיגן נאטורליכן ארט. דורך צוזאמארבעט מיט קולטורעלע און בילדונגס ארגאניזאציעס, פארוויילונגס ענטערפרייזעס, און פריוואטע ביזנעסער, שאפט ניו יארק סטעיט א קונסט און קולטור טוריסט דעסטינאציע אויפ׳ן העכסטן ראנק אין איינע פון ניו יארק סטעיט׳ס הויפט פארקס.

סאראטאָגע ספּא סטעיט פארק נעמט איצט אויף א געשאצטע דריי מיליאן באזוכער יעדעס יאר. אין צוגאב צו דעם נאציאנאל בארימטן סאראטאָגע פארשטעלונג קונסטווערק צענטער, דער SPAC שולע פון קונסטווערק, דעם נאציאנאלן מוזעאום פון טאנץ, דעם סאראטאָגע אויטאמאביל מוזעאום, דעם גידעאן פוטנעם רעזארט און רוזעוועלט באד-הויז און ספּאַ און דעם ספּאַ סיטי פארמער׳ס מארקעט טוט סאראטאָגע ספּא סטעיט פארק אויך צושטעלן א ברייטע ריי פארוויילונגס און קולטורעלע איינריכטונגען, אריינגערעכנט גאָלף קורסן, קלעי טעניס קאָרטס, א נאטור בילדונגס צענטער, דער ספּא קליינער טעאטער, קאווע הייזער און רעסטוראנטן, און שטרעקעס פון מיילן מיט טרעילס צו שפאצירן, לויפן און פארן מיט א ביציקל, אלצדינג פלאצירט אינערהאלב לאנדשאפטן וועלכע אנטהאלטן נאציאנאלע היסטארישע מערקפונקט ארכיטעקטור און 2,400 עיקערס פון פארשידענע נאטורליכע באשעפעניש וואוין-ערטער.

דער ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג טוט אויפזען מער ווי 250 פארקס, היסטארישע ערטער, פארוויילונגס וועגלעך, גאלף קורסן, שיף ארויספאר פונקטן, און מער, וועלכע ווערן באזוכט דורך 78 מיליאן מענטשן יערליך. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט https://www.parks.ny.gov, דאונלאד׳ט דעם אומזיסטן NY State Parks Explorer מאביל עפ אדער רופט 518.474.0456. אויך, פארבינדט אייך אויף פעיסבוק, אינסטעגרעם און טוויטער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418